בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ה' פ' בלק | ה' תמוז | תשע"א | פסחים: ע"ג.

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר שלום יוסף שאפפער הי"ו פון קרית יואל. פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יצחק אייזיק ראטענבערג הי"ו פון קרית יואל.

דעם שב"ק וועט אי"ה מרן רבינו שליט"א אריינקומען צום טיש אין היכל השלחנות ארום 15 מינוט נאכ'ן גוט שבת זאגן אינאיינעם מיט די בחורי חמד תלמידי הישיבה.

שב"ק בצפרא דשבתא וועט אי"ה דער רבי שליט"א פראווען שלחנו הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה גדולה – שיעור ד' באולם שע"י ביתו נאוה קודש.

## הגה"צ אבד"ק דקהלתינו מאנסי שליט"א אין ארה"ק

הגה"צ אבד"ק דקהלתינו מאנסי שליט"א איז היינט אנגעקומען אויף א קורצע באזוך אין ארה"ק, און דער רב שליט"א האט היינטיגן נאכמיטאג אויפגעטרעטן מיט א דרשה אין היכל בית מדרשינו ברך משה אין ירושלים עיה"ק.

## שבת עלי' לתורה בחצרות קדשינו אין בני ברק

דעם שב"ק הבעל"ט הויבט זיך אי"ה אהן די שמחה בחצרות קדשינו בשטומ"צ מיט די אויפרוף פון הבה"ח הרב שמעון שליט"א בן הגה"צ ר' חיים צבי מייזליש שליט"א ראש ישיבתינו בבני ברק, וועלכער וועט אי"ה גיין אונטער די חופה בשטומ"צ מיט הכלה בת הגה"צ ר' יקותיאל יודא מייזליש שליט"א דומ"ץ בקהלתינו הק' אין בארא פארק, דעם קומענדיגן מיטוואך הבעל"ט בבית מדרשינו הגדול אין בארא פארק.

פרייטאג צונאכט'ס אום 12:00 אזייגער וועט זיך די ציבור צונויפנעמען אין די אונטערשטע ביהמ"ד אין שיכון און אפרעכטן א געהויבענעם "שבת אחים" אין שפיץ פונעם ראש ישיבה שליט"א לרגל די שמחה הרוממה.

די עלי' לתורה וועט אי"ה געפראוועט ווערן אין ביהמ"ד הגדול ויואל משה אין שיכון קרית יואל מיטן

באטייליגונג פונעם גאנצן ציבור אינאיינעם מיט די בחורי חמד תלמידי הישיבה שיחיו. און נאכ'ן דאווענען וועט אי"ה אפגעראכטן ווערן א קידושא רבא לרגל די שמחה.

שלש-סעודות וועט ווי יעדע וואך אפגעראכטן ווערן אין ביהמ"ד המפואר אין זכרון מאיר.

מיט התרגשות און שמחה איז ערווארטעט די גרויסארטיגע "שמחת הפארשפיל" וועלכע וועט אי"ה אפגעראכטן ווערן מוצאי שב"ק אין היכל ביהמ"ד הגדול אין שיכון בקול רינה והמון חוגג, א רייכע און שיינע פראגראם פון משוררים און מזמרים איז צוגעריכט לרגל די געהויבענע שמחה בחצרות קדשינו, גלייכצייטיג וועט די פייערליכע מעמד דינען אלס מסיבת פרידה פאר'ן באליבטן ראש ישיבה שליט"א וועלכע פארט נאך שבת קיין אמעריקא אפצורעכטן די חתונה בשעה טובה ומוצלחת.

***-קול רנה וישועה באהלי צדיקים-***

## אוצרות חודש תמוז ערשינען!

אצינד איז שוין דא צו באקומען אין אלע געשעפטן אין שטאט און אין די קעסטקיל בערג די נייע ערשינענע "אוצרות" אויסגאבע פון חודש תמוז, מיט רייכע אינהאלטסריכער ארטיקלען.

***-קויפט און האט הנאה-***

***בברכת שבתא טבא***
***המערכת***

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**